בעזרת השם יתברך

ספר

# מצוה אנציקלופדיה לפסח

## חלק י"ד

**ספר ה) הוא מצוה אנצקלופדיה (לפסח)**

**ה' חלקים**

א. סדר מכירת חמץ הנוגע למעשה לכל יחיד.

ב. דרשה לשבת הגדול בענין בדיקת וביעור חמץ ועוד.

ג. אזהרות נחוצות לפסח באידיש.

❖


י"ל ע"י

**הק' שלום יהודה גראס**

**אבק"ק האלמין**



ברוקלין נוא יארק שנת תשנ"ח

# סדר מכירת חמץ
# הנוגע למעשה לכל יחיד

א) מאכלים שיש בהם תערובות מיני דגן בנשאר לו רק קצת יזרוק והרבה ימכור, וארשום איזה מהם שלא נודע: 1) קאר״ן פלעיקס. 2) קריס״פ רייס. 3) ריי״ס קעי״ק אם נרשם שיש בו תבואה. 4) מאיאנעז. 5) קעטשאפ. 6) פעלי״ דא״ו.

ב) טרם הולכין להמורה יעשו בבית רשימה מדויקת מכל החמוצים, ומכל המקומות שחמץ מונח שם. וכן הספרים. וכלים וחפצים שמוכר הדבוק להם ירשום המקום שמונחין שם. (עי׳ להלן אות...).

ג) צריכין למכור הדבוק לכלים שא״א לנקותם כמו טויסטע״ר וכלי לישה, וכן תנור שאופין בו וכיוצא, וכל הני יהיו גנוזין באופן שגונזין חמץ, ויכתוב חמץ הדבוק או המונח.

ד) מאכלים שאין בהם דגן אבל קיים חשש שנעשו בכלים שעושין דגן ויש בהן בליעת חמץ א״צ למכור, אבל צריך להצניעו כדין כלים חמוצים.

ד*) מוכרין אפילו מאכלים הכשרים לפסח כל שהשתמשו בו באמצע השנה שודאי נפל בו פירורי חמץ כמו צוקער, זאלץ, קאווע, יין, פירות, ירקות וכו׳.

ה) חמץ גמור אין מוכרין רק בהפס״מ כיון שנשאר בבית ישראל (טור ומחבר, ורדב״ז, עי׳ מ״ב תמ״ח י״ב ושעה״צ) וגם משום רוצה בקיומו. וגם די״א שצריך למכור לפני אמירת כל חמירא שאחר שריפה והרבה פעמים השריפה ואמירה ועשית לפני זה. וגם י״א דמכירה הותרה במקרה לא כל שנה (עי׳ מחה״ש תמ״ח שכ״ג, וריטב״א ר״פ כל שעה). ויש מפקפקין על מכירה כללית שע״י הרב (שו״מ מהד״ב ח״ב סי׳ ע״ז, שו״ת אורי וישעי תכ״א בשם בעל קרני ראם וכ״כ משמרת שלום סי׳ ל״ד דמה״ט לא ימכור חמץ גמור ע״י הרב). ועוד דדעת תב״ש דלא מהני מכירה רק בשביל שביטל חמצו ונשאר רק איסור דרבנן (בכור שור, פסחים כ״א). ויש לחוש שלא יבטל בלב שלם (שו״ת עטרת חכמים חו״מ ט״ו). כמה גאונים וצדיקים לא אכלו חמץ שמכרו שמא לא היו הקנינים כדבעי (הגר״א, עי׳ מעשה רב השלם אות קפ״ה מספר הנהגות ישרות. הגרע״א איגרות סופרים סי׳ מ״ח, משכנות הרועים דרוש עת מצוא דף י׳ בשם הגה״ק מסטרעטין זצ״ל) ולפעמים אין החזרת מכירה אחר החג כדבעי (עי׳ בה״ל תמ״ח ס״ג ד״ה מכירה גמורה).

ו) לכתחלה ימכור דבר שיש בו ממש (וא״צ להיות חמץ) אפילו אי״ל כלום למכור שלא למכור רק דבוק לכלים ופירורין.

ז) ישים ללבו לכל בית וקרקע השייך לו האם יש עכ״פ ספק חמץ שם כמו בית דירה בעיר או מדינה אחרת, וכן באנגעלו״י, חנותו ומקום עבודתו, חדר מיוחד במקום אחר. מרתף, בוידע״ם, אז צריך למכור.

ח) ודוקא מקום שהי׳ שם תוך ל׳ לפני פסח או שיבא שם לפני פסח או תוך הפסח, דאל״כ א״צ לבערו ובביטול סגי, ודוקא ספק חמץ אבל יודע שיש חמץ בכל ענין ימכרנו. (עי׳ סי׳ תל״ו).

ט) מותר למכור גם דבר המונח בפריזשידע״ר או פריזע״ר אבל אז יהא זה סגור ומסוגר בטוב כמו כל החמוצים, וגם ירשום בשטר מכירה שמונח שם חמוצים הנמכרים.

י) מי שמוכר חמצו שבעיר אחרת יהא ברור אצלו שנמכר לפני זמן האיסור שבאותו מקום ואחר פסח נלקח בחזרה בזמן ההיתר (מוצאי יו״ט) באותו מקום, וע״כ אם הרב שבכאן מוכר גם בליל בדיקת חמץ ולוקח בחזרה בבוקר אחר מוצאי יו״ט אותן חמוצין שהן ממדינה אחרת טוב, ובלא כן יעשה שליח למכור באותה מדינה.

יא) אם החמוצים מונחים במקום שסגור בימי הפסח כגון מקום העבודה וכיוצא, או מרתף או גאראז״ש צריך לרשום בהשטר באיזה אופן יכול הנכרי להשיג המפתח וליכנס ליקח מה שרוצה ויהא זה סמוך למקום החפץ כמו באותו בית או אצל שכן (ולא שהחמץ בארצה״ב ומפתח בירושלים) ואם מכוין לסגור מקום החמץ שלא יוכל הנכרי ליטול החמץ הרי זה הערמה ולא הועיל המכירה (עי׳ מ״ב תמ״ח ס״ק י״ב).

יב) אם נוסע מהבית ליום או ימים של החג ירשום בהשטר דהמפתח נמצא אצל פלוני השכן הדר בקירוב מקום (שם).

יג) אם החמוצים מונחים בחדר (לא בקלאזעט״ס) מעלה גדולה לכתוב בשטר דהחדר שבו החמוצים משכיר להנכרי הלוקח להחזיק בו כליו ומטלטליו. (עי׳ היטב תמ״ח מ״ב י״ב י״ט) ואין חשש על המזוזות לאחר פסח.

יד) לכתחילה ראוי לפרוט כל מין חמץ שיש לו לא לכתוב סתם כל שיש בו חשש חימוץ (מקוי״ח תמ״ח סק״ח, ובה״ל סעי׳ ג׳ ד״ה בדבר מועט).

טו) אם אינו יודע בדיוק כמה יש לו מכל מין וכן המחיר, יכתוב שהמדידה יהא אחר פסח.

טז) מוכרין במחיר הסמוך לשויו של החמץ ויזהר שלא יעלה על המקח הרבה יותר משויו, (וכן לא ימעיט הרבה) ואם אין יודע המחיר לא טוב דצריך פסיקת דמים, יכתוב כפי שישומו אותו ג׳ בקיאין. (בה״ל שם).

יז) יכתוב בהשטר שאם יצטרך איזה דבר יוכל ללקחו וישלם עבורו, וכן שאם יהא לו צורך יוכל ליכנס.

יח) אם יש לו תרופות (מעדיצי״ן) שחושש שיצטרך להם ביו״ט יתנם במקום מיוחד לא עם שאר חמוצים. (דלאו דבר פשוט לסובב אצל החמוצים ותרופות קיל יותר הן משום דבסתם אין אוכלין אותו וליכא למיגזר שיבא לאכלו, והן משום דכמה פעמים יש לו היתר שהיה בבית מעיקר הדין, או אפילו היתר אכילה לחולה, עי׳ תמ״ח מש״ז סק״ב, ובה״ל סי׳ ת״מ וא״א שם, כת״ס סי׳ צ׳).

יט) אם צריך ליכנס באופן מקרה והזדמנות למקום שבו החמץ או לפתוח השאפע, יהיו שנים יחד (עי׳ אות כ׳).

כ) אם החדר או הבית שבו החמוצים שמכר צריך להשתמש בו הרבה בחג צריך לכתוב זאת בהשטר, וגם החמוצים יהיו מסוגים תחת מחיצה גבוה י׳ טפחים (סי׳ ת״מ ס״ב, עי׳ שו״ת כת״ס צ׳, מסגה״ש קי״ד סק״ג).

כא) צריך לדעת שהמכירה היא מכירה גמורה ואם ירצה הגוי לבא בפסח וללקחו לאכלו או להשתמש צריך להסכים דהרי זה שלו, ושאם יחליט הנכרי שאין רוצה למכרו בחזרה אחר פסח מסכים לזה, ואז הו"ל מכירה גמורה.

כב) אם מוכר דבוק לכלים המונח בטשיינע קלאזעט צריך שיהיו מונחין באופן של שאר חמוצים כלהלן.

כג) כל זמירות וסידורים ומעשה ביכלעך (סידורים) ולהבדיל טעלעפאן ביכלעך, או צייטונגען, צריך להניח במקום החמוצים דא"א לנקותו, ומוכר הדבוק והמונח בהם.

כד) גם עם ספרים שמשתמש בהם על השלחן כל השנה צריך לנהוג כן.

## מקום החמוצים

א) כל הנמכר יהא לכתחלה בחדר בפ"ע וסגור, אם אפשר (וק"ו מכלים בסי' תנ"א, ועי' מ"ב תמ"ח י"ב) וישכיר החדר להנכרי.

ב) לכה"פ יהא במקום שניכר היטב דשם חמץ ולא ישכח וגם קשה להשיגו כקון קשור היטב, או שמכסה היטב כל הדלת ודבוק (דעי"ז דומה למחיצת י"ט דבעינן בחמץ).

ג) אכל קצת דבק (מיסטייק או מעסקינג טייפ) על הדלת לא מהני וכ"ש אם כבר עשו זה כמה ימים לפני פסח, וגם לכלים שמצניעין לא סגי בזה.

ד) כל שיש בו חמץ דבוק כמו כלים, ספרים, וחפצים, דינו ג"כ כך.

## גניזת כלי חמץ

א) באין נקיים כל צרכן אז דינם כמו חמץ הן לענין גדר מקום שמצניעם, והן לרשום על שטר המכירה לעכו"ם, אותו המקום שגם שם מונחין חמוצין הנמכרים.

ב) ג' מדריגות יש בהצנעת כלים:

1) היותר מובחר: לסגרם בחדר מיוחד ולהצניע המפתח שלא ילך לשם כלל כל ימי הפסח.

2) עיקר ההלכה: להצניע במקום צנוע שאין דרכו לילך לשם כל ימי הפסח כמו בוידעם או מרתף, ועי"ז לא ישכח ולא יבא להשתמש בו בפסח.

3) אין למחות: בהנותנין אותן בגובה כותל מקום שאין יד אדם מגעת לשם, כיון שצריך טירחא של לקיחת ספסל להגיע לשם.

וע"כ אם במשך שבוע או יותר לפני פסח כבר נהג לדבק קצת לא יסמוך ע"ז אלא ידבק הרבה מאד שצריך טירחא גדולה ובאופן שמשונה הרבה משבוע לפני פסח או יקשרנו.

וכיון דלכתחילה צריך מקום צנוע אין עצה לקיים זה רק ע"י כיסוי פלעסטיק או פאפיר היטב נגד כולו שיהא בגדר זה.

ה) תנור של כל השנה, אם לא נכשר לפסח בליבון יכסנו היטב מלמעלה למטה מכל הצדדין ככלים שמצניעין. ואם קיים חשש שלא נתנקה מאה אחוזים ימכור הדבוק לו.

ו) טשיינע קלאזעט.

# די געוואלדיגע אויפטועין פון מאכן א צעטל אין שטוב

א) עס איז כמעט נישט מעגליך יעדער אין שטוב זאל געדענקען אלעס פון יאר צו יאר, בפרט קינדער, וואס אפילו נאכ'ן זאגן פארגעסן זיי, אבער דאס געשריבענע ווארט לייענען זיי איבער און איבער.

ב) אפילו די עלטערע זענען עלול צו פארגעסן דורך די געוואוינהייט פון א גאנץ יאר.

ג) צוגעקומענע קינדער, איידימער און שנירן און אייניקלעך איז דאס דער בעסטער וועג בדרך כבוד זיי זאלן וויסן ווי אזוי מען פירט זיך דא מיט אלע ענינים, און פארמיידן דורך דעם אומאנגענעמליכקייטן.

ד) עס ווערט במשך הזמן פארגעסן א סאך מנהגים, בפרט די וועלכע זענען גילטיג נאר איינמאל א יאר.

ה) קינדער נאך די חתונה ליגט זיי נישט גענוג שטארק אין זכרון געוויסע מנהגים פון זייערע עלטערן ווייל זיי לעבן דערמיט ווי נאטורליך, א געוואוינהייט, נישט ווייל ס'מוז זיין. דעריבער דורך אראפצייכענען אלעס שווארץ אויף ווייס בלייבט דאס בעזה"י לזכרון עולם.

ה*) עס איז א גרויסער תועלת אין חינוך איבערצוגעבן ווייטער פאר די קומענדיגע דורות, אלע זהירות און חומרות.

ו) געסט וועלכע קומען אין שטוב עסן זאלן וויסן אלע מנהגים פונקטליך, וועלכע איז א געוואלדיגע טובה פאר'ן גאסט און פאר בעה"ב בפרט ווען דער גאס איז אן איש מכובד.

ז) דער וואס איז אפגעהיט פון א משהו (א פינטעל קליין ווי די שפיץ פון א נאדל) חמץ היט דאס אים ער זאל א גאנץ יאר נישט זינדיגן (באה"ט תמ"ז בשם האריז"ל, מועתק בכל הפוסקים והספרים, עי' פנים יפות בא, ומקורו בזוה"ק תצא רפד:).

ז*) חומרות פסח זענען ווי צירונגען פאר די שטוב, ווי מער חומרות אלץ שענער אויסגעצירט (הגה"ק רבי בונם זצוק"ל, מובא בשיח שרפי קודש וסו"ס מי השילוח).

ח) אידישע קינדער פירן זיך נישט בלויז יוצא צו זיין להלכה, נאר מחמיר זיין אלע חומרות פסח (שו"ת גר"ז סי' ו' וא"א בוטשאטש ה' פסח, סי' תנ"ה). דאס מיינט אפילו וואס עפ"י הלכה איז כשר באגעניגענט מען זיך נישט ערמיט (שו"ת ערוה"ב או"ח קל"ה).

ח*) די עיקר חומרות דארף זיין ביי עסענווארג (מי השילוח בסופו, בשם הגה"ק ר"ר בונם זצוק"ל).

ט) מצות חמץ איז די ערשטע מצוה וואס כלל ישראל צוזאמען איז מצווה געווארן, מ'האט עס אויפגענומען מיט ליבשאפט און חביבות און מחמיר געווען אן א שיעור (שו"ת מן השמים סי' ע').

י) די עיקר חומרות פון פסח דארף זיין אז צום מויל זאל ח"ו נישט צוקומען קיין שום חשש חמץ, און דארט זאל מען יוצא זיין לכל הדעות (פלא יועץ, ערך פסח).

פסח איז דער שורש פון אלע מצוות, דערפאר איז דא גרויסע חומרות (צמח צדיק, ניסן).

יא) ביי השי"ת איז באליבט מדת חסידות פון א איד מער ווי די גוף המצוה (דע"ק ה' ס"ת רע"ו סק"ו).

יב) דורך חומרות איז מען זוכה צו נשיאת פנים פון הקב"ה (ברכות כ:) און צו א באזונדערע שמירה פון הימל (בני יששכר תשרי, מאמר ד').

יג) דער וועלכער איז א ריכטיגער מאמין בד' ובתורתו, וועט קיינמאל נישט חוזק מאכן פון איינעם וואס איז מחמיר א חומרא (ד"ח ח"ב יו"ד סי' ל"ט).

יד) דער הייליגער טשערנאבילער מגיד זצוק"ל און דער הייליגער בעל ישמח משה זצוק"ל פלעגן מחמיר זיין פסח אלע חומרות (הנהגת מהר"ן סו"ס מאור עינים, תהל"מ הנהגת ישי"מ).

מ'האט מגלה געווען פון הימל אז ווי מער חומרות, אלץ מער אריכות ימים ושנים איז מען זוכה (שו"ת מן השמים סי' ע'). דאס איז אויסער דעם געוואלדיגן אור לעולם הבא.

## די פאלגענדע רשימה (ליסטע)

די ווייטערדיגע רשימה טוט פארקערפערן די הלכות, מנהגים, מיט אן אוצר פון עצות און אנווייזונגען וועלכע באלייכטן דעם וועג ווי אזוי באהיטן צו ווערן מיט די הילף פון השי"ת נישט נכשל צו ווערן ח"ו אין א משהו חמץ נישט אין שטוב און נישט אינדרויסן.

די רשימה קען זיין א פילזייטיגער אויפטוה אין שטוב, ווי מיר האבן פריער דערמאנט און יעדער זאל מוסיף זיין זיינע אייגענע חומרות און צושרייבן.

# בע״ה
# בדיקת וביעור חמץ

א) אחר אמירת כל חמירא לאמור באידיש אלע חימוצים פון מיין רשות האט ביי מיר קיין שום חשיבות נישט, אזוי ווי ערד.

ב) אעפ״י שיש היתרים לנר עלעקטרי זהו מן הדין ובדא״א, אבל אנו יודעין שלכל יש טעם בסוד כמו נר לנשמה שאין אתנו יודע למה יועיל, ובפרט דבר שמצותו בנר עי׳ היטב קב הישר פרק צ״ו אות ג׳, ומה גם בבדיקת חמץ שמצינו גם בגדולי הנגלה ופוסקים קשרים מהודקים בין זה לזה. עי׳ רמ״א סו״ס תל״ב להניח פתיתין ואם לא נתן לא עכב, אבל הגר״ז סיים דמנהג ישראל תורה, ועיקרו עפ״י האריז״ל, עי׳ דרך פקודיך בהקדמה לבער כחות הטומאה.

וע״ע דבר חידוש בש״ס (פסחים ח:) כ׳ דאור הנר יפה לבדיקה וע״כ אין בודקין לאור חמה ולבנה וכו׳ ויש זכר לדבר נר ד׳ נשמת אדם אחפש ירושלים בנרות, כל רואה יראה דענין זכר לדבר להראות כי יש ענין דבדיקת חמץ לבאר היצה״ר כדאי׳ בכתבי האריז״ל (עי׳ דרך פקודיך) וזהו לטהר נשמת אדם.

ג) מה שהולכין לאורכה ולרחובה כבר ערערו ע״ז דפ״ק וחיד״א, וצריכין לדעת דזה לעומת זה מסייע לביעור כחות הטומאה. ובקב הישר סוף פרק כ״ט וז״ל: וצריך שיבדוק בעיון רב ולא בדרך ארעי, וכמו שחופש ומגרד חמץ מחורין וסדקין ע״י אור הנר של שעוה שבידו, כן הקב״ה יבער כל זוהמת סט״א אשר עתיד הסט״א להטמין ולהחביא מפני אור השכינה אשר יופיע הקב״ה לחפש ירושלים בנרות, עכ״ל. ועי׳ במנהגי חת״ס, ובד״ת מונקאטש, והק׳ לבוש״מ, דהצדיקים עבדו עבודה גדולה בבדיקת חמץ.

ד) חייב לבדוק גם ביה״כ, האלל״ן בחוץ, ואם עכו״ם דר ג״כ יבדוק ויבער הפירורים שניכרין דהם כשר, טשאר לא יועיל ובלא״ה לא יאכל משום חשש איסור.

ה) בגמרא לא מבואר להצריך שעוה וטעמים שנאמרו בפוסקים יוצא שגם נר שלנו טוב (ובעבודת ישראל טעמים לשעוה, ומ״מ בהתחיל בשעוה והוצרך לעוד נר, וכן כשמחל המצוה לב״ב א״צ דוקא שעוה).

ו) מקור דחצרים שמוכרין א״צ בדיקה עי׳ היטב גר״ז תל״ג סמ״ב ומקורו בחו״י שם.

ז) יאמר כל חמירא אחר שנשרף חמץ היטב לקיים ביעור בשלו ויהא שם כזית שלם.

ח) יזהרו אם מחלקים פירורים לרשום על הנייר באיזה מקום הניחו, למנוע שאלות. וגם ליתן לפני הערב דבלילה חל כבר חובת בדיקה (שוב מצאתי בחו״ד ת״ה סי׳ קמ״ח וגם ... שלא יפזרו התינוקות דהיינו למעלה קצת, וגם יתננו על הנייר משום פירורין, גר״ז תל״ב י״א).

ט) לימוד זכות על דברים שאין בודקין, א) עי׳ שע״ת סו״ס תל״ג. ב) ודע״ת שם בשם א״א ביטשאטש. ג) עי׳ גר״ז תל״ג ל״ט דבכיבוד לא מועיל למה שבחורין וסדקין, ע״כ. א״כ כל מקום דליכא חורין וסדקין או שמועיל לו כיבוד א״צ בדיקה, והו״ל כמו דקי״ל (תל״ג ז׳ וגר״ז) דהרוצה מותר לבדוק ליל י״ג וישייר חדר אחד לבודקו בליל י״ד משום ברכה, וה״ה במנקה באופן שאי״צ עוד בדיקה דליתא חשש חורין וסדקין.

העולה לדינא: יד המרבה לבדוק משובחת. ולדינא כל דבר שניקו והרחיצו אותה באופן שלא שייך לחוש שנשאר בחורין וסדקין אפילו בלי עיון היטב רק באופן הרחיצה אין צריך בדיקה. אבל אם צריך עיון גם בעת הרחיצה אם ניקו הכל כגון בתוך התנור, אז בעינן שיבדוק בזמנו ואם יקשה עליו אז יבדקנו לילה א׳ משאר לילות ולא ביום, וע״ז סומכין שאין בודקין כיסי בגדים אבל צריך

להוציאן החוצה, ובאופן זה לרחצן בכלי הכביסה. ולפי"ז בתנור בית החורף (סטי"ם) וכן בתוך התנור צריך לבדוק בנר (ועי' עוד דע"ת סו"ס תל"ג והג' חכ"ש לרש"ק, יחו"ד ח"א דט"ז למטה). ולדעתי מה"ט יש להקפיד להניח פתיתין בזה"ז דאין צריך לאחוז החבל בשתי ראשים, דאם באת להקל בבדיקה מטעם דמסתמא לא נשאר אולי כל הבית ממש בגדר זה, וא"כ היאך תברך. (שוב מצאתי סברא זו בשינוי קצת יחו"ד ח"ה דף קמ"ז, כה"ח תל"ב סקל"א, אבל אינו ממש כסברתו דשם כתב על הכלל כולו היות שמנקין צריך פתיתין, ואני אומר מי שמקיל על סמך שמנקין צריך פתיתין שלא יסתור עצמו).

כלל לענין נקיון - כל דבר שפטור מבדיקה כגון אין ידו מגעת, פטור גם מביעור ונקיון, דבדיקה צורך ביעור הוא.

מקומות הנמכרין לעכו"ם יהיו סגורין היטב.

כשבני ביתו ג"כ בודקין יעמדו אצלו בברכה, ואם הולכין לבית אחר יבדקו קודם קצת בבית זה (גר"ז תל"ב ח').

## שריפת חמץ

חסרון בענזי"ן דנפסל מאכילת כלב, והעצה שיניח עצים גבוה קצת, מ"מ מוטב ליתן בענזי"ן משישאר לא נשרף. (וצ"ע דיש סברא דסוכ"ס הפקירו בשוק באמירת כל חמירא).

## בדיקה ומכירה

בענין מפתח עי' מ"ש במדור "הערות שונות".

מי שקשה לו לבדוק איזה דברים (או מקומות) באור לי"ד ומותרין לאור ביום, יבדקם ביום י"ג ולא יניחם ליום י"ד כי צריך להקדים לאור לי"ד.

מכירה ספרים שודאי יש בהן חמץ, כמו סיפורי מעשיות, סידורים, זמירות וכל שמשתמשין בכל השנה על השלחנות, וגם טעלעפא"ן ביכע"ר, וטייפ"ס, ימכרו ויסגרו במקום החמוצים או בפני עצמן, אולם ספרים יש שאלה למכור משום בזיון, והגם שיש לחלק מ"מ יש למכור חמץ המונח ודבוק בהם, וכעין החת"ס בדבוק לכלים.

מה שמוכרין יהא בזול קצת מהמחיר אבל לא הרבה שלא יהא הערמה ניכרת. ויאמר שמוכן באמת למכרו כעת עבור זה. ואגב, יש לעורר שבכל השנה יזהרו בלוקח ספר שלא יהא במקום חמץ, ואם רגיל באיזה ספר אז ינהג כנ"ל.

ומה שמכין על הספרים רק אויפפרישן ולא מהני לחמץ שבו. (ביותר ראוי להכות בעה"ב על שלא למד בהן).

ובכלל זה הטעלעפא"ן ביכע"ר לגונזן עד אחר פסח.

חמץ ששורף בהגהות חת"ס תמ"ח מבוכה היאך יקיים שריפה אחר גרירה, ומביא מהדיין ר"ד פרוסניטץ זצ"ל עצה ליתן במתנה על מנת להחזיר. עוד עצה כמו שהנני נוהג לכתוב בהשטר דחמץ המוכן אז לשריפה אינו בכלל המכירה, או שבידי ליקח (ואח"כ לשלם) כל שארצה. עוד עצה (דבאמת עיקר מכירה במקומות שציין) דבמקום שכותב דכל החמוצים שהם ברשותו נמכרין יכתוב חמשה מינוט לפני סוף זמן שריפת חמץ וישרוף לפני זה.

כל מאכלים אע"ג שאינן חמץ כל שנפתחו לצורך אכילה בתוך השנה ימכור. ואע"ג דאפשר למכור הפירורין, מ"מ אין להשתמש בו רק במה דאפשר, דא"א שרוב המכר יהא מצה (ואע"ג דיחיד שעשה

כזה ומכר רק פירורים ודבוק לכלים עדיין אין לחוש משום שרב ואב"ד מוכר הרבה שטרות ואגב קונה הנכרי זה, מ"מ אם כולם יעשו כן לא טוב). גם צריך שיתן מחיר זול דאל"כ למה יקנה העכו"ם.

גם צריך שיהא בלבו שאם בא העכו"ם בפסח יניחנו ליכנס וליקח כל מה שרוצה והוא מכירה גמורה.

אין מוכרים חמץ גמור והיינו בין חמץ ממש בין כל דבר שנעשה או נתערב בו ממיני דגן (גרעין).

היוצא מביתו לפני אור לי"ד צריך לבדוק בלילה האחרונה בלי ברכה (ודוקא מפורים והלאה).

בדיקת חנותו ליל י"ג (אם א"א בי"ד) ובא"א יום י"ג. ובדאפשר סמוך לערב.

## בגמר הבדיקה

יתן החמוצים בשאפע, מקום שאין הקטנים ממשמשין.

לעיין אם יש בגדים בקלאזע"ט שלא ניקו אותן (געקלינ"ט).

מה שתולין בקא"ר לריח יש לבער משום חמץ, וכן כיוצא שיש בבית.

ינקה היטב בתי עינים שלו. ומי שאפשר לו בחדש הרי זה משובח כי א"א לנקותו כליל.

## הגעלה

יזהר להסיר הקרא"ן מעת לעת קודם (קרא"ן חם), וגם לשפוך לי"א או בליט"ש לתוך האבי"ק שיפסל מאכילת כלב (ודוקא אז שבשעת הגעלה כבר יהא נפגם).

מגעילין באבן מלובן דבלא"ה נפסק הרתיחה, ובשולחן אם אפשר ולא יזרוק במים שלא יפסוק הקילוח.

גם מה שמגעילין המנהג לא להשתמש להדיא רק מכוסה בפח או בעץ בין סינק"ס וטחנות אין להאריך כי משתמשין בכלים חדשים. וכן פרידזשידע"ר ופריזע"ר ארויפציען פלעסטיק זעקל. וטוב להטעכניק שאין מקלקל הכלי דהקרירות חודר מעבר לעבר.

אחר שהכשירו השיניים לא יאכל חם עד שיהא ברור לו שהם נקי מחמץ (אם אכל אחר ההגעלה).

לא להשתמש בחמין מעל"ע לפני הגעלה - וכן בשיניים - וגם לא דבר חריף לאכול, וכן לא גוש חם.

אחר הגעלה מדיחין בקרי"ם וכן השיניים.

מי שיש לו ברעיסע"ס צריך לנקותן בדענטיסט, ולא לאכול אחריו חמץ.

## ערב פסח

יהי' לו רשימה לכל דברים שצריכים להגמר הרבה לפני סוף זמן אכילה כמו: א) אכילת חמץ. ב) ניקוי השיניים היטב בג' אופנים: 1) ברא"ש. 2) פלא"ס. 3) קינוח בצונן והדחת מים. ואגב פשוט דלפסח צריך ברא"ש חדש וגם פעיס"ט חדש. ג) ירחוץ היטב פניו ובפרט פאות וזקנו, וכן כובע ומלבוש שאכל בהם חמץ.

## לפני סוף זמן שריפה

כל מקום שמונחין כלי חמץ וכן כל מקום שמכרו, יהא סגור היטב או מקושר היטב או דבוק בדבק (עי' ת"מ ס"ב, וריש סי' תנ"א) שלא יוכל להגיע שם רק בקושי ואדהכי והכי יזכור.

לנקות הטלית ותפילין בייטלעך (מפני תיקון יארצייט מזונות וכן הטלית נוגע בכל אלו).

לאקער בבית המדרש, קעסטלעך, שטענדער.

לבער הגארבעדז"ש וגם הבע"ג שבוועקיו"ם קלינע"ר.

לעיין היטב הנשאר חמץ.

לבער מעדיצי"ן וקאסמעטי"ק למקומן.

לבדוק ולבער בשוק קאפ"ס, טאשען, בערזל, ותחת המנעול.

טיי"פ רעקארדע"ר וטייפ"ס מכל השנה.

בעזימער שאול להצניע וכן המאפס ולהשתמש באחרים.

בגדי קטנים שאכלו בהן חמץ לנקותם וגם הכיסים, וגם לחפשן לפני סוף זמן שריפה.

אין חובה לאכול חמץ בערב פסח, ומי שלבו נוקפו לא יאכל, וכן נוהגין הרבה מדקדקין. ומקיים תשביתו בשריפת חמץ וביעורו מביתו.

ימהר בשריפה שיספיק הזמן שישרף וגם לבטל.

זייגער שיש על ידו יניח בין החמוצים, וכן זייגער של ה... וטבעת ושאר תכשיטי ידים אם אכלה עמהן, וא"א לנקות משום חורין וסדקין.

להחליף הטעלעפאן.

להצניע טעלעפאן ביכער.

אם אכל על גבי כסא שיש בו חריצין (חמץ) צריך לנקותו.

מדין דשו"ע (תס"ח) יסתפר ויטול צפרנים לפני חצות, ברם משום חמץ שתחת הצפרניים נכון ליטלן קודם. זמן איסור חמץ וכן להילדים ובפרט שצריכין לנשכן בשיניים (ולא יקצצן אחרי הזמן בשיניים).

מי שיש בביתו איזה דבר למעלה ממקום הקדירות כמו דאק"ט או קאבינעט"ס וכיוצא, צריך לעשות תיקון שם מפני הזיעה העולה כל השנה (עי' מ"ש לקמן באורך).

וכמו כן צריכין ליזהר כל השנה על הקוימען של געז אויוון דהעשן יוצא למעלה ובתנור יש בשר ולמעלה חלב או להיפך.

לכתחילה יבדוק המצות מכפולות ונפוחות, וישבר אותו באצבע הסמוכה וישרפנו לכתחילה לפני סוף זמן, ויש לשים לב לבדוק גם בצד שני של המצה דהרבה ימצא רק שם.

בדאפשר יהיה סינ"ק מיוחד שאין מניחין בתוכו כלים - להדיח כלים או מאכלים שנפלו על הארץ. ובליכא אז ידיח בתוך הסינ"ק אבל לא יניח כלים בתוכו.

במשתמש בבלעך לא יניח כלים בסינק, כי לפעמים עולים המים (ע"י פארשטאפטע סינק) וגורם שאלות ומבוכות.

# הנהגות כלליות לפסח

אין מניחין ספר על השלחן שאוכלין עליה רק ההגדות ובשעת הסעודה יעבירו גם זה.

יזהר בדרס בטעות בשוק על חמץ לנקותו לפני כניסתו לבית.

יזהר עכ"פ אם אופה מצות שלא להביא פירורי קמח מכובע או שטריימעל לבית, וכ"כ בצק דבוק למנעל.

המוצא חמץ בביתו ביו"ט יכפה עליו כלי וחוה"מ ישרפנו בלא ברכה.

הנותן לבו להזהר מכל עניני חמץ יש לו עי"ז סייעתא דשמיא בדרך הבא לטהר מסייעין לו (חיד"א בצפו"ש), ויש להוסיף ע"ד הלומד על מנת לעשות מספיקין בידו ללמוד וללמד לשמור ולעשות.

צריכין ללמד לדור החדש מה שקבלנו בעניני אכילה בפסח, לדוגמא:

א) אין אוכלין קטניות ובכללן פינאטס, קארען סאנפלויער סיד"ס כמבואר בבית שלמה ויד יצחק ועוד (עי' אפיית המצות דף ר"י) וע"ע פתחז"ט בע"ז בשם ליקו"מ. ויש חוששין גם בקאטען סי"ד אויל (עי' להלן אות ט"ז).

ויש להעיר שלא לאוכלן בכל השנה בלי בדיקה מעולה דיש יותר ממיעוט המצוי מתולעין והרבה יש נקב מבחוץ ועכ"פ לאכול סתם וכ"ש בלילה בקאר ודאי לא.

ב) אין אוכלין קנאבעל (וצוויבעל רק הגדולים), עי' פמ"ג סו"ס תס"ד, שע"ת תנ"ג ס"א, ובפתחז"ט מחזק המנהג (סי' ב' דף כ"ב).

ג) אין אוכלין שום ירק שאין דרכו לקלוף (ואפי' ירצה לקלוף) ישכח כיון שאין דרכו, כמו טאמאטע, פאפריק"ע, בלעטע"ר זאכן (גם השנה יזהר מתולעים) פירות כמו ענבים, פלוימען וכיוצא.

ד) ביצים מבשלין בכלי מיוחד, ונכון אם מונחין על פאפענדעקל להעבירן משם כי הם לפעמים מלוכלכין בחשש חמץ כפי שראיתי ושמעתי מבקיאים, אבל פוי"ם אין חשש.

ה) גם נכון מאד להמשיך המסורה לעשות בבית היימיש כל מה שיכולין, ולא לאכול מאכלים שלא אכלו מעולם, כידוע מהגה"ק מבעלזא זכי"ע.

ו) אין נותנין דברים חמין בפריזידער.

ז) טאט פעיסט יהא כשר לפסח.

ח) נפל מאכל על הארץ, אם אפשר מדיחו ואם לאו משליכו. מצה גונזה ואוכלה אחר פסח.

ט) מים נותנין שמאטע או זייער, ויש שואבין מלפני יו"ט על כל החג, ויש לו מקום גדול כהיום שמשתמשין ברעזערווא"ר.

י) מצא כפולות ונפוחות ביו"ט מסירן וא"צ לשרפן רק גונזן עד אחר הפסח.

יא) בענין דייפען לבגדים כלל גדול כל דלא ראוי לכלב מותר להשתמש בו ואי"צ לברר אם יש בו חמץ.

יב) קטניות אסור באכילה אבל מותר בהנאה וע"כ מותר בעיב"י פודער וכיוצא שנעשו מקטניות, וכן מותר להשהותן בבית ואין צריך למכרן לעכו"ם.

יג) בשמים נעגלעך אין משתמשים משום שבימי קדם היו שורין במי שעורים (וחוששין שמא יחזור ליושנו, ומראית עין לכאורה שרי אם כל המינים שבעיר נעשין באופן המותר כמה שנים, עי׳ דין אריסות וקבלנות היטב).

נחוץ! (ודע עוד דכפי הנ׳ גם במאכלים שידענו טעמם שהיו מחמירין בימי קדם נשאר המנהג להחמיר גם אחר הבירור שאין לחוש עוד, והוא בכלל חומרות דפסח, או משום אל תטוש, ואע״ג דבטל טעם חוששין שמא יחזור לקלקולו, או מטעם האדמו״ר מבעלזא שמאכל שלא אכלו אז אין אוכלין עוד. ודגים שגם בשנים קדמוניות השתמשו באופנים שונים כגון דגים חיים וכיוצא, ע״כ גם אותן שהחמירו מאז, יש מקילין כגון שדר בימים קדמונים במקום שלא היו דגים חיים וכעת אפשר לו לקבלם. אבל שאר דברים לא, ע״ע להלאה).

טו) חלב רק הנחלב לפני פסח וטוב לקנות הכל מלפני הפסח לצאת מחששות (שמא חלבו בפסח) כבר ידוע שהפרות היו אוכלות חמץ בפסח וחלבו אותן.

טז) שמאלץ אין משתמשין בשמן משום כשרות חמץ, וקאטענסיד אויל משום חשש קטניות (עי׳ קונ׳ והשיב שבס׳ אפיית מצות, ומנחת יצחק ח״ג סי׳ קל״ח).

יז) טיי״א אין משתמשין (עי׳ אפיית דף ר״ט) משום שהיו משתמשין בו אחר ההשתמשות, ושוב אין פוסק (גם בטיי״ע רואין שהמנהג נשאר ואין משתמשין בו משום מנהג אבותינו).

יח) פירות יבשים ברמ״א תס״ז ס״ח שאין אוכלין ובפמ״ג שם שהיו מייבשין בתנורים חמוצים, ופלוימען היו שופכין עליו שכר או מי שעורים ע״כ (וגם בזה הגם שיתברר נכון לא לזוז מהישן וכמ״ש לעיל).

יט) דגים כל אחד יחזיק במנהג אבותיו, לבד אם אבותיו לא אכלו שלא היו יכולין להשיג דגים חיים, וכן הגה״צ מפאפא הקיל באמעריקע גם בדגים מתים (עי׳ פמ״ג א״א סו״ס תמ״ז).

כ) ביצים יש נוהגים לבשל בכלי מיוחד (א״א בטשאטש) כפי הנראה משום חשש דבוק לביצים, וכ״ת א״כ ביצים עצמם וי״ל שרק חומרא הוא, וע״כ כיון שיש קליפה אין לחוש שידבק בעין רק טעמא, משא״כ אם יבשל בסתם כלי ומשם ידבק למאכל בעין (ואפ״ל עוד דסוכ״ס ע״י הקליפה אין הטעם חודר היטב כ״כ, ואפ״ל שידעו דרק טעם פגום הוא). וכן נהגו בכל התפוצות. וראוי להוסיף שגם בזה״ז יש להחזיק בו, כמו שראיתי ושמעתי שהביצים אינם רוחצים בטוב ונדבק דבר עליהן (וראיתי בשם הגה״צ מהר״ם מסטראפקוב זצ״ל דמה״ט אע״ג שבפסח מישט מען זיך נישט מ״מ זה אוכלין אחד אצל חבירו).

ויש להדיח לפני פסח הביצים בימינו בפושרין ולא חמין ועכ״פ לפני הבישול.

כא) געבראקטס (עי׳ ״אכילת מצות״ מצה שרוי׳) יש מנהגים שונים. א) כולם מחמירין גם אחרון של פסח. ויזניץ - סקוירא - ריזין ועוד. ב) מקילין אחרון של פסח, ראפשיץ - דינוב - צאנז - זידיטשויב - סיגעט - מונקאטש ורוב העולם. ג) ביו״ט מקילין לקטנים ויש גם לנשים. ד) יש מקילין במי פירות (שו״ת הגר״ז סי׳ ו׳). ה) מניחין על השלחן ולא בתוך המאכל - שינעוו, שמעתי ממו״ח שליט״א (עי׳ שם).

כב) פירות וירקות קלופים אחר הקליפה ידיחן במים היטב וככה תאכלו אותו, ובזה תבין חומרת סכין לצורך הקילוף, אע״ג שנוגע בחוץ ובפנים.

כג) כל פעם שיושב לאכול יטול לידים כי ידים עסקניות (ובפרט בבא מן השוק).

כד) יושב ללמוד יתן פלעסטיק או פעיפער תחת הספר (מי יודע מה נדבק ואפי' חדש וגם יש דעקלעך של ספרים שבקל נדבק מהן לדבר אחר ואם השלחן לח קצת עלול שיקבל והוא פאפענדעקל או גרוע יותר).

כד*) לא יקחו בפה שום דבר לבד מאכל ומשקה המותר, לשלול מעות, באלאן, או לאחוז בדבר כמו פעדער, ענוועלאפ.

כה**) וכן לא ירטיבו בלשון (צינ"ג) סטעמ"פ, ענוועלא"פ.

כה) צוקע"ר בפוסקים מובא שהי' עליו חשש שבעת הבישול טיבלו בו הפועלים פתן ונתחמץ, ויש שהיו נוהגין לבשלן לפני החג שאם יש בו דבר יתבטל (עי' חת"ס קל"ה).

כו) ראזינקע ווייז יעשבו לפני החג ויסנן המצוקים לכל המאוחר ער"פ (פמ"ג לח ס"ז ס"ח).

כו*) ברעיסעס מי שיש לו או לה ינקו אצל דענטיסט ולא יאכלו אח"כ חמץ.

כז) אלומיניום בעקעלעך אביסל אויסגליען בתנור ווייל עס ווערט באשמירט מיט אויל שיש בו חשש קטניות (התאחדות תש"ן).

כח) בלעכענע כלים FARBER STAINLESS ALUMI צריך הגעלה בכלי ראשון כמו בכל השנה בפנים ובחוץ וטבילה אח"כ.

כט) טבילת כלים בכל השנה לא יניח לבעל החנות לטבול כל זמן שלא קנאו הלוקח בקנין גמור דבכה"ג עדיין לא חל חובת טבילה (ודבר הנעשה בזמן הפטור לא פוטר זמן המחוייב) עי' טבילת כלים ר"י פרק א' דף נ"ב. והעצה לעשות קנין הגבהה, או יבקש הסוחר שיתנו לאחד הפועלים ישראל לזכותו בשילו והוא יגביה כל כלי בפ"ע לקנותו לבעלים, או יקנהו בחליפין שיתן הפועל חפץ להמוכר והוא יקנה להקונה כל הכלים שקונה כעת (גם יזהרו בכשרות המקוה ולשאול בעה"ב איזה השגחה על מקוה שלו).

ל) לא ישתמשו אפי' בדרך ארעי בכלים בלי טבילה (חי' חת"ס יור"ד ק"כ, וכן יוצא מכל הפוסקים שהתירו רק מה שאינו מיוחד לכלי סעודה - עי' טבילת כלים דף...) ורק באינו מיוחד לסעודה מותר בארעי לצורך סעודה.

לא) כלים הנופלין לארץ מדיחין היטב בסינק שאין נותנין בו כלים, ועכ"פ יהא בכל בית סינק אחד שאין נותנין בו כלים לצורך זה (טריפה סינק - שיהא ראוי לכלים חלבים ובשריים) או שישתמש ככה בסינקס שלו.

לב) סעלצער אע"ג שאין בו חשש, מ"מ יש חשש רציני שמשתמשין בכלים ישנים (ושמעתי קול רינון על איזה מין שיש עליו גם הכשר).

לג) ימנע משתיית מים בפובליק פלעצער שאין סדר הסינק כמו בביתו.

לד) עשה איזה מלאכה והשתמש בכלים, וכן אם השתמש בקטניות לקטנים ידיח ידו היטב אח"כ.

לה) אסור ליתן לעכו"ם (רופא וכיוצא) מצות מצוה לאכול.

לו) פאפענדעקל ופעיפער גודס לא ישתמשו לאכילה אפילו צונן דנעשין דורכגעווייקט ומתערב באוכל.

לז) פלעסטיק בעגס עם פרינט לא ישתמשו בו.

לח) בפרידזשידער יכסו הכל וישתמשו בפלעסטיק ליינע"ר או סתם פלעסטיק בעג.

לט) להחליף הקאפעל עם של פסח.

מ) על שלחן או סינקס קאונטער״ס וכיוצא אין מנייחין שטריימעל, היט ושום חפץ לבד מידי דאכילה.

מא) כלים חדשים מן השוק אין משתמשין בהן עד שידיחן במים צוננין קודם.

מב) נוהגין בזה״ז גם בהאנטוכע״ר מיוחדין לפסח.

# הסדר

א) לא יבדילו הנשים (ויגד משה דף צ"א) במקומות שהנשים מקדשות.
ב) יקרב ב' נרות בלי שיתקרבו השלהבת.
ג) כל מקום שנאמר יהי דעתו כמו בכרפס לא בעינן אותו רגע ממש.
ד) נשים לא יברכו ב"פ שהחיינו, רק בהדלקה ולא בסדר.
ה) יתנו יין בתוך חרוסת מבעוד יום.

בס"ד

## פרק א'

# געוואָרנט זיין בשעת'ן עסן פסח

### יעדער זאָל אָפלייענען דעם צעטל כאָטש איין מאָל אַ טאָג

א) יעדעס מאָל איידער מען זעצט זיך עסן וואַשט מען זיך אָפּ די הענט, כל שכן די קינדער, אין אַ פסח'דיגן סינק וואו מען לייגט נישט קיין עסן אָדער געשיר. דעריבער דאַרף מען האָבן כאָטש איין סינק צו דעם צוועק.

ב) ביים עסען זאָל מען נישט אָנכאַפּן די אויגן-גלעזער, ווייל עס ווערט נישט 100% גערייניגט פאַר יום טוב.

ב) נישט אָנכאַפּן דעם הוט, שטריימל - וועגן די זעלבע סיבה. און אויך ווייל אין קאַר, בית המדרש א.ד.ג., קומט דאָס אין באַרירונג מיט אומאָפּגערייניגטע זאַכן. דעריבער אויב מ'טראָגט ביים עסען דעם זעלבן רעקל - בעקישע ווי אין דרויסן, שוהל , קאַר זאָל מען געוואָרענט זיין נישט אָנצוכאַפּן זיי ( דעם רעקל - בעקישע) ביים עסן.

ג) אַ סך פירן זיך אַז צום עסן האָבען זיי אַ באַזונדערן כאַלאַט וועלכע מ'גייט נישט דערמיט אויף די גאַס נאָר אין שטיב, סי'האָט זייער אַ סך מעלות: א) עס איז זייער שווער צו היטן נישט אָנרירען אינמיטן עסען דאָס כאַלאַט, ב) עס ווערט נישט צוגעקלעפּט דערצו גאָרנישט, ג) די פעולה פון אָנטוהן דעם כאַלאַט ברענגט אַ התעוררות

ד) מדקדקים טראגן נישט קיין רינגלעך ביים עסען, וועלכע מען נוצט אַ גאַנץ יאָר, אפילו אויב עס איז גערייניגט און גע'כשר'ט (לא עדיף ממנהג לא להניח על השלחן שום מאכל או כלי בלי כיסוי). פונקט ווי אַנדערע גאַנץ יעריגע כלים.

ה) נישט אַריינלייגען הענט אין טאַש טאָמער איז ח"ו פאַרבליבן אַ ברעקל, אַ משהו.

ו) נישט אַרויפלייגן קיין ספר אויפן טיש וואו מען עסט אָן אונטערלייגן אַ פּלעסטיק.

ז) מדקדקים נוצן נישט קיין ספר ביים עסן ווייל מען מישט בלעטער מיט די הענט און עס איז נישט אַן אָפּגעהיטענע זאַך (טייל זענען מקיל ביי נייע ספרים וועלכע זענען קיינמאָל נאָך נישט גענוצט געוואָרן), און אפילו ביים סדר ווען עס קומט צו שלחן עורך, לייגן מען אַלע הגדות אין דער זייט. מ'דאַרף געדענקען אַז די דעקלעך וועלכע זענען פאַרענדעקלך און איר פאַרב קען זיין חששות'דיג.

ח) הגדות צום סדר נוצט מען נאָר די וועלכע מען לייגט אַוועק פון יאָר צו יאָר בלויז אויף פסח, און דאָס ווישט מען אָפּ די דעקלעך מיט אַ פייכטע שמאַטע פאַרן ערשטן מאָל באַנוצן. און ווען די הענט ווערט נאַס פון ווייַן זאָל מען נישט אָנכאַפּן די הגדה נאַסערהייט.

ט) טייל געבן אַ לעק די פינגער בשעת'ן מישן ספרים, דאַרף מען געוואָרנט זיין אום פסח נישט צו טוהן. דאָס זעלבע ביים קושן אַ מזוזה, קושט מען נישט דעם פלאַץ פון פינגער מיט וואָס מען האָט אָנגערירט די מזוזה נאָר אויף די זייט פון פינגער, דאָס זעלבע ביים עפענען אָדער צומאַכן אַ ספר, קושט מען נישט מיטן מויל נאָר מיטן פינגער אַזוי ווי ביי די מזוזה.

י) פרוכט אפילו אָראַנזשען מיט גרעיפּפרוכטן שיילט מען מיט ספּעציעלע מעסערס, וואָס מען נוצט נאָר צו שיילן און מען לאָזט נישט איבער אפילו אַ משהו, ווייל עס האָט קטניות. און נאָכן שיילן שווענקט מען גוט אָפּ די פרי און די הענט (אפילו אָראַנזשען, גרעיפּפרוכט). לעמאַן לייגט מען נישט מיט די שאָלעכץ אין טיי (פוק חזי כמה צריכין לחזק מנהגים הישנים כי בימי קדם בנהא שלש לאכול מבלי לקלף ושא"א לקלף לא השתלמו בו כלל, ושלא היתה הל החשש

רק מטעם שיד הכל ממשמשין בו בלי זהירות לפסח, ובזה״ז ניתוסף שמושחין אותו בקטניות ומי יודע מה יהי׳ עוד, וע״כ אין להקל בו וב... בו. ו... על מ... שיצאו להקל בזה ע״י הדחת מים הלא בקל ישכח כיון דלא רגיל, וקטנים לא ידקדקו כלל.)

יא) דער מעסער מיט וועלכן מען שיילט פרוכט נוצט מען נישט אויפצושניידן די פרוכט זעלבסט.

יב) ביי פרעמדע זאָל מען נישט עסן אפילו פרוכט, נאָר אויב מען קען נאָכקומען דאָס אויבנדערמאָנטע (אות ח׳). מען קוועטשט נישטק ין אָראַנזשן אָדער גרעיפפרוכט פסח צו מאַכן זשו״ס ווייל די שאָלעכץ האָט קטניות.

יג) אַ כלי וואָס יענער האָט גענוצט, צב״ש עסצייג, טעלער, נוצט מען נישט אָן אויסשווענקען (מען מישט זיך נישט). דערפאַר עסט מען אויך נישט יענעמ׳ס שיריים בפרט פון קינדער.

יד) אַ טיש וואו עס קען זיין אַז עס איז געלעגן דאָרטן ספרים אָדער אַנדערע זאַכן, איידער מען נוצט עסצייג זאָל מען עס געבן אַ לייכטן וויש אָפּ.

טו) אַ שטיקל מאכל וואָס האָט אָנגערירט אין רעקל אָדער אַנדערן מלבוש, אויב מען קען עס נישט גוט אָפּווישען אָדער אָפּשווענקען עס מען נישט, און אַוודאי אַז מען לייגט נישט קיין שום מאכל אין טאַש. און אויב ס׳איז געלעגן ניצט מען עס נישט.

טז) מען ווישט זיך די הענט אינמיטן די סעודה נאָר אין פאַפּיר, וועלכע האָבן נישט קיין סטאַרטש אָדער ריסייקלד פון גענוצטע פאַפּיר און נאָר די וועלכע זענען נתברר געוואָרן יענעם יאָר אַז עס האָט נישט קיין סטאַרטש און איז נישט ריסייקלד (ווייל די זאַכן טוישען זיך פון צייט צו צייט).

יז) מען ציילט נישט געלט. מען מישט נישט דעם טעלעפאָן בוך, מען ליינט נישט קיין כשר׳ע צייטונג (עיין לעיל בספרים, והני חמורין יותר דדיו נקפץ מהם על האצבעות לפעמים, וגם אינם משומרין כל כך).

יח) עסנוואַרג וועלכע פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, אַן ערוואַקסענער זאָל דאָס נישט נוצן (לכתחילה) נאָר אויב מען קען עס אָרומשיילן. קינדער זאָלן עס גוט אָפּשווענקען אָדער אָפּשיילן ביז מען זעט מיט די אויגן אַז עס איז ריין געוואָרן.

וואָס מען קען נישט אָפּשווענקען, אַזוי ווי מצוה, וואַרפט מען אַוועק, אָדער מען לייגט דאָס אין אַ זייט אויף נאָך פסח (מ״ש במהר״ם שיק לזרוק מצה שנפל על הארץ מיירי בבית אפי׳ שפירורי בצק בקרקע ונדבקין לה, ע״ש היטב. הא בלא״ה א״צ לזרקו או לשרוף משום חשש דעלמא שיש חמץ על הרצפה בפסח דלא שכיחא, ומ״מ אין לאכלו משום חומר פסח).

יט) מען דאַרף אָנזאָגן די קליינע קינדער נישט אַראָפּצולייגן דאָס עסן אויף דער ערד, אָדער אַ בענקל און אויב עס פאַלט אַראָפּ זאָלן זיי נישט עסען. כדי עס זאָל נישט פאַסרען זאָל מען זיי געבן צו עסן ביים טיש, אויב מעגלעך (בדא״א לא קיבלו החומרא אדעתא דהכי, וגם בכה״ג אין מצוה להפרישו).

כ) אויסלערנען קינדער נישט לייענען מעשה-ביכלעך אינמיטען עסען, און אַודאי נישט קיין צייטונגען (כלעיל בספרים, ובכתבי עת הדיו נקפץ על האצבעות ואח״כ נוגע בה במאכל).

כא) לכתחילה זאָל מען נישט אַרויסשיקן די קינדער אין הויף מיט עסנוואַרג, ווייל ווען עס פאַלט אַראָפּ עסן זיי ווייטער. אויב יאָ זאָל מען מיטשיקן אַ ערוואַקסענעם.

כב) עסצייג אָדער אַנדערע געשיר וועלכע פאַלט אַראָפּ שווענקן מען גוט אָפּ (אויב מעגלעך אין אַ סינק וועלכער איז פסח׳דיג נאָר מען לייגט נישט אַריין דערין עסן אָדער געשיר).

כג) די רוקנס פון די בענקלעך ווערן איבערגעדעקט מיט סחורה אָדער פלעסטיק זעקלעך ווייל דאָס רירט מען אָן אינמיטן עסן. אַ בענקל מיט הענטלעך זאָל מען איבערדעקן אויך די הענטלעך.

כד) אויב אַ גאָר קליין קינד עסט אין אַ ספעציעלן בענקל מיט אַ טישל, זאָל מען עס גוט רייניקן און כשר'ן און צודעקן. מיט דויערהאַפטען פלעסטיק אַזוי ווי קאַנטעקט פאַפיר.

כה) לערנען די קינדער אַז פסח מישט מען זיך נישט מיט אַנדערע צו עסן יענעמ'ס.

כו) מען עסט נישט אונטערוועגנס אין אַ קאַר, ווען א.ד.ג. ווייל זיי זענען אַבסאָלוט נישט פסח'דיג אפילו מ'רייניגט זיי, דעריבער דאַרף מען זהירות.

כז) ווען מ'טראָגט עסנ'ס פון פלאַץ צו פלאַץ זאָל מען אַכטונג געבן נישט אָנרירען ווענט, טירען, בענקלעך, רעקלעך, היטען, שטריימעל, בעקיטשע א.אַ.וו.

כח) די וועלכע פירען זיך דעם גוטען מנהג נישט צו נוצען וואַסער נאָר וואָס איז אָנגעשעפט פון פאַר פסח אָדער געקויפט פון פאַר פסח, זאָל דאָס נוצען אויך צום קאָכען און באַקען אָדער אָפשווענקען פירות צום עסען, אָבער געשיר וואַשט מען מיט סינק וואַסער.

כט) מ'זאָל זיך אויך אָפּהאַלטען פון עסען שאַרפע אָדער זויערע, ביטערע מאכלים וועלכע מ'קייט. דעריבער פירען זיך אַ סך נישט צו עסען צוויבעל אין אייער נאָר געפרעגלטע.

ל) עס איז פון די שטאַרקסטע און וויכטיגסטע חומרות אום פסח נישט צו עסען הייס אויב מ'האָט פאַלשע ציין, קראָנען, פילינגס, דעריבער ווען מ'ברענגט אַריין הייסע מאכלים זאָל מען וואַרטען עס זאָל אַראָפּ פון הייס צו וואַרעם. און גלייכצייטיג דערמאַנען די אָנוועזנדע זיך נישט צו פאַרגעסן.

אויב ס'איז דאָ קינדער אָדער ערוואַקסענע וועלכע ווילען נישט וואַרטען זאָל מען לכה"פ זעהן דערצו אַז די כלי זאָל זיין אַ זיכערע כלי שלישי, און עס זאָל נישט זיין הייסער ווי מ'עסט אַ גאַנץ יאָר - כ"ש ברייעדיג. (לסמוך בדוחק עכ"פ על היתר כלי שלישי והמתירין גוש ג"כ שלישי ובצירוף הגעלה ועי"כ לא יאכל רותח יותר. וביארתי באריכות דעיקר היתרים שנאמרו בגדולי הפוסקים בשיניים ליתא בזה"ז).

עס איז נישט כדאי נאָך אַזויפיל מיה און האָרעוואַניע צייט געלט און כוח ווייניג עסען ווייניג שלאָפען קרייצען רייבען, א.אַ.וו. לכבוד פסח מ'זאָל ח"ו נישט נכשל ווערן, זאָל מען ביי דעם וויכטיגסטען חלק פון עסען גרינג-האַלטען און אויפגעבן.

די וועלכע האָבען ברעיסעי"ס זענען מחוייב מצד ההלכה אַזוי צו טוהן.

## פרק ב

## קאָכן און צוגרייטן עסנוואַרג פסח

מ'דאַרף אָפליינען דעם צעטל כאָטש איינמאָל אַ טאָג, יעדן טאָג פסח, פון גרויס ביז קליין

א) אויב מען קומט פון די גאַס אָדער מען האָט אָנגערירט זאַכן וועלכע זענען נישט אַזוי אָפּגעהיטן, שווענקט מען זיך אָפּ די הענט פאַרן קאָכן. טייל מדקדקים וואַשען זיך אייביג טאָמער האָט מען אומוויסענדיג ערגעץ אָנגערירט.

ב) יעדע זאַך וואָס מען קאָכט, צום ביישפיל פיש, פלייש, גרינציג, פרוכט א.ד.ג. שווענקט מען קודם גוט אָפּ, ווייל ביז עס קומט אין שטיב איז נישטאָ קיין זהירות פון די וועלכע רירען עס אָן. פלייש דאַרף מען באַזונדער גוט אָפּשווענקען און אויך אַביסעל אָפּרייבען מיט די הענט,

ווייל פסח נוצט מען בלויז שטיין-זאַלץ וואָס קלעפּט שטאַרק צום פלייש און בלייבט איבער צומאָל ביזן קאָכען, און אויך קען מען אַמאָל טרעפען שיריים פון מאגגנס אינעווייניג.

ג) אייער, אויב מען האָט עס נישט אָפּגערייניקט פאַר יו"ט, זאָל מען עס קוט אָפּוואַשן פאַר'ן קאָכן, אויב מעגליך נישט אין אַ סינק וואו מען לייגט אַריין עסן אָדער געשיר. דאָס אָנגעקלעפּטע קען ח"ו זיין חמץ ממש.

ד) אפילו אויב מען קלאַפּט אויף רויע אייער זאָל די שאָלעכץ זיין ריין פאַר דעם, ווייל עס קען זיך אָנקלעפּן.

ה) קיין שום זאַך קאָכט מען נישט און מען באַקט נישט מיט די שאָלעכץ, צוםביישפּיל פּאָטעיטאָס, עפל. אויסער אייער אין אַ באַזונדערע טאָפּ.

ו) מ'איז מהדר צו האָבען באַזונדערע האַנטוכער און אָפּוויש-טוכער דירעקט אויף פסח, און מ'וואַשט זיי אויס פאַר'ן באַנוצען (כן נהגו מעולם ובפרט בזה"ז שיש עליהם סטאַרטש). מעדק"ש קי"ב כ', או"ח ספינקא תמ"ב סק"י.

ז) מען זאָל האַלטן די וויש-טוכער אויף אַן אופן עס זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

ח) ווען מען נעמט אַרויס די אייער פון די שאַכטלעך, זאָל מען דורכקיקען אויב עפּעס איז אָנגעקלעפּט, אפילו מ'האָט עס געוואַשען פאַר פסח אַמאָל פאַרזעהט מען. אויב מען זעט אויפגעקראַכטע אייער (אַ שפּאַלט איז גאָרנישט) זאָל מען עס נישט ניצען, ווייל מעגליך אַז פון די שמוץ אין דרויסען האָט זיך אָנגעקלעבט אָדער אַריינגעפאַלען אינעווייניג.

ט) אייער קאָכט מען אין אַ עקסטרע טאָפּ.

י) סוויט פּאָטעטא"ס ווערט געשמירט הייס, זאָל מען אַביסעל דיקער אָפּשיילען עס זאָל זיין כדי קליפה.

יא) כריין זאָל מען אַוועקשניידען אַ שטיקעל פון יעדן פלאַץ ווי עס איז געשניטען געוואָרען ביים סוחר אָדער פאַרמער.

יב) טראָצדעם וואָס צו קאַלט און טרוקען קען מען ניצען פּאַפּיר זאַכען, אויב מ'קען איז ראַטזאַם נישט צו ניצען פאַר עסענוואַרג נאָר זילבער פּאַפּיר (אַלומיניום פּויי"ל) אָדער פּלעסטיק ווייל קינדער ווייסען נישט קיין חילוקים, און ערוואַקסענע זענען זייער עלול זיך צו פאַרגעסן.

יג) מ'לייגט נישט אַריין הייסע זאַכען אין פריזשידער (REFRIGIRATOR) אָדער פריזער ווייל די פּאַכען ווערן נישט גע'כשר'ט און ווייל די דעק איז אַ דינע.

יד) דער סדר אין שטיב זאָל זיין ווען מ'דערלאַנגט דאָס עסען צום עסען זאָל עס זיין אַ זיכערע דריטע כלי, פון טאָפּ אין שיסל און פון שיסעל אין טעלער. (משום השאלות בשיניים ובעבור התינוקות וכיון שאוכלין חם, וגם בגוש דעת הרבה להקל. והגם שגם בכלי שלישי יש מחמירין ואפילו בשבת, ובפסח גם ברביעי, עכ"פ יש ע"מ לסמוך מטעם השו"ע ואחרונים ולא יסמוך על השעי"פ-לעפל"ל דהו"ל ספק כלי שני).

טו) שוין איינגעפירט ביי אַ סך שטיבער בהיות מען האָט אַ פסח'דיקע קאַך, קאָכט מען דאָרט עטליכע טעג פאַר יום טוב, דאַרף מען אַכטונג געבן ווי פאָלגנד: 1) זיך גוט אָפּריינינגען די הענט, פנים, מויל, ציין, אויסשווייכקען ס'מויל פון חמץ איידער מען גייט אַהין אַריין. 3) מען זאָל נישט קאָסטען דאָס עסען אויב עס איז ... פסח צום חמץ און צוריק.

טז) טוישען די מלבושים... 5) מען זאָל נישט רעדן אויפן טעלעפאָן בשעת די אַרבעט, נאָר פון אַ פסח'דיגען טעלעפאָן. 6) אויב מען מוז, דאַרף מען געדענקען זיך גוט אָפּצוואַשען נאָכדעם אין אַ סינק ווי עס ווערט ווייטער דערמאָנט. 7) ווען מען רייניגט זיך די הענט, פנים א.א.וו טוט

מען דאָס אין אַ חמץ׳דיקן סינק, מעוד אַרף אַכטונג געבן עס זאָל זיין אַ ריינע סינק און אַ ריינע האַטוך עס זאָל זיך נישט אַנקלעבן גאַרנישט ... 8) ווען מען קומט אַריין אין אַ פסח-קאָך גיט מען זיך אַ שווענק אָפּ די הענט ביים אַנהייב... אויסטוהן די רינגלעך, בראַסלעט און זייגער, און מענער זאָלען זיין זיכער אַז די באָרד און פאות איז ריין פון חמץ.

יז) אַנדערע מלבושים אָדער רייניגען גוט ...

יח) אויב מען לאָזט אַריין קליינע קינדער אַרבעטן מיט פסח׳יגס דאַרף מען אַכטונג געבן עס זאָל זיין ערוואַקסענע בעלי אחריות אַכטונג צו געבן.

יט) נישט ניצען הענטוך צוליב סטאַרטש, דאָס איז כולל אַלע דיספּאָזעבעל.

כ) פאַר פסח באַרגט מען און מ׳פאַרבאַרגט כלים.

כא) עסענוואַרג וואָס איז כשר לפסח נאָר געקאָכט אין חמץ׳דיגע ריינע כלים (חשש בלוע מכלים) דינו בכלי חמץ ומותר לגנזו עם הכלים וגם למכרו לנכרי (ח״י, גר״ז, מקנ״ח, מ״ב תמ״ב סק״א).

כב) די טייען וועלכע מ׳מוז האָבען פסח און עס איז באַהויפּטעט דורך די מומחים אַז עס האָט נישט קיין חשש חמץ אַזוי ווי קאַמילען טיי אָדער SENA-LEAVS, פונדעסטוועגן איז עס אָבער נישט משומר פון די אַרבעטערס און מיר פירען זיך ביי פרוכט און גרינצייג בכה״ג אָצושיילען, זאָל מען אויפקאָכען פאַר פסח און מאַכען עסענץ דערפון, און דורכזייען מיט אַ ריינע שמאַטע, און אויך מברר זיין יערליך אויב עס איז נישטאָ קיין שינויים אין אינהאַלט.

כג) כדאי צו וויסען מ׳האָט מעורר געווען אין איינע פון די מדריכים אַז די וועלכע קענען צוליב געזונטהייט נישט עסען שמאַלץ, איז דאָ אַ עצה מ׳קען אויפעגן WALNUTS און מיט אַ מאַשין JUICER מאַכען דערפון אויל, עס איז די זעלבע טירחא ווי מאַכען אָראַנזש-זשו״ס א.א.וו.

כד) אָפּגעקאָכטע עסענס אויב מ׳לייגט עס אין זעלבען פריזשידער אָדער פריזער ווי מ׳האָט אַנדערע זאַכען דאַרף עס זיין גוט איינגעפּאַקט עס זאָל נישט אָנגעקלעבט אָדער געזאַמעלט ווערן פונם חמץ׳דיגען.

כה) מ׳זאָל נישט קויפען פון געשעפט נאָר זאַכען וועלכע קומען פאַרמאַכט נישט קיין אָפענע זאַכען, ווייל ס׳איז ביטער שווער עס זאָל זיין אַ געהעריגע זהירות אין געשעפט וואו מ׳אַרבעט אַרום מיט פאַרקויפען אויך חמץ׳דיס און טיילמאָל זענען די אַרבעטער גוים אָדער קלים, און מ׳גייט כסדר פון איינס צום צווייטן אָהנע רייניגען די הענט אינצווישען.

כו) דער סדר פון גרייט-מאַכען אייער אויף פסח דאַרף זיין, פאָלגענד: 1) אָנגרייטען אַ ריינעם פּלעסטיק צו אויספּוטערן אנגיסען ריין וואַסער נישט הייס (מעג זיין לויליע״ך) 2) אַרויסנעמען די אייער פון טאַוועל באַקיקען יעדעס איינע אויב איז ריין זאָל מען עס אַ וויש געבן מיט אַ פייכטע שמאַטע, אויב שמוציג אַריינלייגען אינעם וואַסער, 3) די טאָוולען דאַרף מען גוט אויסשאָקלען עס זאָל זיין 100% ריין, 4) די אייער זאָל מען אין שיסלעל אָפּריבען פון שמוץ נאָכדעם אָפּווישען מיט אַ ריינע שמאַטע און צוריקלייגען.

כז) דאָס פּלאַץ וואו מ׳גרייט אָהן די עסענס דאַרף זיין אַ באַזונדערע שטיב מיט אַ פאַרמאַכטע טיר, אָדער ווייט אָפּגערוקט פון חמץ עס זאָל אויף קיין פאַל נישט קענען אָנקומען חמץ דאָרטן, זעלבסטפאַרשטענליך דאָס איז נאָר שייך אויב קינדער דרייען זיך נישט דאָרט. אָדער (בשעהצ״ח) אַז מ׳רירט זיך נישט אַוועק פון דאָרט און מ׳קען האַלטען אַן אויב די קינדער זאָלען גאָרנישט טוהן. (חזינן דבפסח שאין חמץ בבית כמה עשו הרחקות, גדרים

וסייגים שלא ליגע אפילו בדברים נקיים לגמרי וגם נגעלו גזירה שלא נחנקו כראוי כמו שלחנות וכיוצא, עאכו״כ שצריך ליזהר מאד מפירורין ממש הנמצאין בידים וכן בבגדים של העוסקין עדיין בחמץ).

כח) נייע כלים וועלכע מען האָט גע'טובל'ט אין געשעפט קען האָבן פּראָבלעמען, ווייל אין געשעפט געהערן די כלים נאָכנישט פאַר'ן קונה, און אויב די כשרות פון מקוה איז אונטער פאַרלעסליכע הכשר, דעריבער זאָל מען זיך נישט פאַרלאָזען דערויף נאָר אויב מ'ווייסט זיכער אַז די מקוה איז אונטער 100% פאַרלעסליכע אויפזיכט, און דער וואָס טובל'ט איז אַ ירא שמים און ווייסט וואָס מ'דאַרף טוהן, און נאָר אויב דער קונה איז אין געשעפט און הייבט אויף די כלים קונה צו זיין, אָדער מ'בעט איינעם פון די אַרבעטערס עס קונה זיין פאַר אים.

כט) כלים וועלכע מ'האָט נישט גע'טובל'ט זאָל מען נישט נוצען אפילו איינמאָל.

ל) פלעסטיקגעשיר און עסצייג ווי אויך זעקלעך (בעג״ס) און טישטוכער זאָל מען נישט נוצען פון אַ זעקל אָדער באָקס וואָס מ'האָט גענוצט דערפון אינמיטען יאָר נאָר עפּענען נייע באָקסעס (בעג״ס) א.אַ.וו.

לא) אַזוי אויך נעפּקינס, טאַועל פּאַפּיר, טושוס, אלומיניום פּאַפּיר, זאָל מען ניצען נייע אָדער וואָס איז געבליבן צווישען פּסח'דיגע זאַכען פון פאַראַיאָר.

לב) נייע געשיר טעפּ, טעלערס, עסצייג, קאָכען געצייג, זאָל מען אָוואַשען מיט זייף און לוילעי״ך וואַסער (נישט הייס) פאַרן ניצען דאָס ערשטע מאָל (כן נהגו מעולם משום דלא משומר וכמו שאין אוכלין פירות וירקות בקליפתן, ובזה״ז כמה מהם מושכין בשמנונית של קטניות וכיוצא ועי״כ יש ליזהר יותר, גם לפעמים על דרך רחוק יארע שכלים שנשתמשו נמכרין בשיק ועל הבלוע שהוא נטל״ע אין לחוש כ״כ רק על הבעין).

## פרק ג'

## אַלגעמיינע זהירות פסח

א) דער סדר איז אַז אַלע חומרות און הידורים הייבט מען אָן ערב פסח נאָכן פאַרברענען דעם חמץ, אויסער ווער עס האָט אַ דירעקטן מנהג אַנדערש, זעלבסטפאַרשטענדליך אויב עס פאַרלאַנגט זיך קען מען מקיל זיין ביז חצות, און טיילמאָל ביז ביינאַכט. (ביאור הענין דכל דבר המסור לנשים וקטנים ועי״ה קשה להבדיל בין זמן לזמן כששניהם זמן איסור חמץ, דיבאו לטעות ולהקל בכל, וגם אין יודעות הבדל בין דין, ולבין חומרא, או מנהג, ויקילו בכל, עי׳ ש״ך סי׳ קצ״ג בשם תשובת הרא״ש).

ב) גייענדיק אין גאַס זאָל מען אַכטונג געבן נישט אַריינצוטרעטן אין ברויט, חלה, אַנדערע חמץ, עס זאָל זיך נישט אָנקלעבן צו די שיך אונטן. טייל פירן זיך אָפּצורייבן די שיך אויף דער ערד בעפאָר אַריינגיין אין שטוב.

ג) ערב פסח אַהיימקומענדיג פון מצות-באַקען, זאָל מען רייניגען די שיך אויף דער גאַס, און די קליידער פון מעהל. נישט גיין אויף אַ גאַס וואו מ'שמעקט דעם ריח פון אַ גוי'שע בעקעריי אָדער רעסטאָראַנט. (עי׳ ח״י תמ״ח סקי״ גר״ז תמ״ג ס״ג. בהלי... שם ס״א, ואע״ג דיש לצדד במכוין לא ליהנות עי׳ ב״י יור״ד קמ״ד ד״ה ואפ״ה, כי בקל יכשל לכוין).

ג) נישט (אַליין אָדער לאָזען די קינדער) בייסן די נעגל פסח, ווייל עס זאַמלט זיך דאָרט אָן פאַרשידנס, און בכלל נישט נעמען די פינגער אין מויל אָדער רייניגען אונטער די נעגל מיטן מויל, ווייל מען רירט אָן פאַרשידענע זאַכן.

ד) נישט טרינקען וואַסער פון פּאַבליק-וואַסער (סינ״ק, פאונטע״ן).

ה) נישט לאָזן די קינדער קייען פאַפיר א.ד.ג. אָדער נעמען געלט אין מויל, אָדער נעמען אַ פעדער אין מויל, אויך נישט גומי וועלכע קען אויך האָבען סטאַרטש.

ו) דער פסח׳דיגער טעלעפאָן הענטל זאָל לכתחילה זיין ניי און זאָל ווערן גוט אָפגעווישן מיט אַ פייכטע שמאַטע אפילו דאָס ערשטע מאָל ווען עס איז נאָך ניי ווייל מען האַלט עס נאָענט צום מויל. אויב מ׳נוצט די אַלטע זאָל מען אָפרייניגען דאָרט וואו מען רעדט די שפאַלטענס מיט אַ קיו-טיפ און אַלקאָהאָל.

ז) לכתחילה זאָל מען נישט נוצען אַ פּאָבליק טעלעפאָן פסח. בשעת הדחק אויב מען רעדט אויף אַ פארבליק טעלעפאָן וואָס איז נישט פסח׳דיג, זאָל מען אַ וויש געבן מיט עפּעס דאָס פלאַץ פון מויל, און האַלטן אָפגערוקט פון מויל דעם טעלעפאָן.

ח) די וועלכע האָבן ביי זיך אין ביהמ״ד אַ פּאָבליק-טעלעפאָן, זאָלען דאָס רייניגען ווי ווייט מעגלעך, מענטשן זאָלן נישט נכשל ווערן.

ט) קינדער פלעשלעך צו טרינקען מילעך און דאָדלע״ך, זאָל מען קויפען נייע אויף פסח.

י) טיי״פ רעקאָרדע״ר אָדער טייפ״ס וועלכע מען נוצט אַ גאַנץ יאָר פאַרקויפט מען אין חמץ ווייל עס איז שווער צו רייניגן. אויב מ׳פאַרלאָזט זיך אויף רייניגען זאָל מען עס נישט לייגען אויף אַ טיש אָדער סינק-קאַונטער , וואו עס קען אָנרירען עסענוואַרג.

יא) פעדערס, בלייען, קלעבעכץ, גלו, נוצט מען נייע, ווייל עס איז שווער צורייניגען. נישט לעקן סטעמפּס, ענוועלאָפּס.

יב) אין בית המדרש נוצט מען נאָר פסח׳דיגע סידורים, חומשים, סתם ספרים, ווייל די גאַנץ יעריגע זענען בחזקת ברעקלדיג פון שלש סעודות וכדומה. אפילו מ׳קלאַפּט עס אויס ווערט עס נישט ריין פון חמץ.

יג) עס איז אַ פליכט צו רייניגען דעם סינק ווייל קינדער טרינקען דאָרט, און ערוואַקסענע פאַרגעסן זיך און שווענקען אויס דאָס מויל. דאָס זעלבע אין אַ געשעפט אָדער אַנדער פלאַץ וואו מ׳דרייט זיך פסח (כדין קדרות בפסח כ״ז שהם נקיים).

יד) אויב מ׳פירט עסענס מיט אַ קאַר זאָל עס זיין דאָפּלעט איינגעפּאַקט, און ווען מ׳קומט אַהיים זאָל מען זאַפּארט אַוועקוואַרפען דעם אויסענווייניגסטען פלעסטיק ווייל עס קען זיין אָנגעקלעפּט מיט ברעקלעך.

טו) רוב שטיבער קויפן נייע שפילעריי פאַר פסח, און עס איז אַ גרויסע מעלה (חדא דא״א לנקות כל חו״ס כדבעי, ושנת כמו שנוהגין דכלים של כל השנה אין משתמשין לפסח בלי כיסוי גם אחר הנקיון כשאפשר לבא לנגיעת אוכלין, כן בזה התינוקות אוכלין ומשתמשין בחדא מחתא וגם התינוקות לוקחין לפיהם).

טז) ווען מען ציילט געלט, זאָל מען נישט נאַס מאַכן די פינגער מיטן מויל. דאָס זעלבע ביים בלעטערן אַ ספר, בפרט אין בית המדרש, וואו די טישן און בענק זענען נישט צו שטאַרק פסח׳דיג. נישט לעקן סטעמפּס, ענוועלאָפּס.

יז) נישט קייען פאַפיר א.ד.ג. און אויפפאַסען ביי די קינדער דאָס זעלבע.

יח) אויב מ׳שמירט אַמאָל די הענט מיט שמירעכץ צוליב רפואה זאָל מען עס גוט אָפרייניגען בעפאָר מ׳עסט.

יט) מען זאָל טוישן דעם מענטל פון דער ספר תורה וועלכע מען נוצט פסח (דורכן קושן אינמיטן יאָר, ווייל טייל מאַכן קידוש פאַר קריאת התורה, און אויך קליינע קינדער וועלכע עסן אין שוהל, קען זיין אָנגעקלעבט חמץ).

כ) אויך דער פרוכת, אויב מעגלעך, זאָל זיין פסח׳דיג. דאָס קושט מען אויך מיטן מויל.

כא) מען שוועבקט נישט אויס דאָס מויל אין אַ רבים׳דיגן סינג אויב ס׳איז נישט געהעריק פסח׳דיג געמאַכט. אויב מעגליך. טרינקען וואַסער זיכער נישט, ווילאַנג ס׳איז נישט פסח׳דיג און דורכגעזייט.

כב) מען טרינקט נישט טיי אָדער קאַוועק אין בית המדרש פסח. און אַוודאי זעצט מען זיך נישט אַראָפּ עסען.

כג) אויב אַ קינד טראָגט מיט עסן אין שוהל פסח, דאַרף מען אַכטונג געבן ווי אַזוי ער עסט עס. ער זאָל עס נישט אַראָפּלייגען אויפן בלויזען טיש. און אויך נישט אויף אַ טישטוך וואָס עס ליגט דערויף נישט-פסח׳דיג געמאַכטע סידורים און ספרים.

כד) מען נוצט נישט דעם טעלעפאָן בוך אָדער ביכל ווי אַ גאַנץ יאָר.

כה) מ׳לייגט נישט קיין עסנוואַרג אין די טאַשען אפילו ס׳גערייניגט.

כו) מעשה ביכלעך ווערן פאַרקויפט אין חמץ ווייל עס איז ברעקלדיג, צוזאַמען מיט זמירות און סידורים.

כז) צייטונגען וועלכע מען האָט געליינט פאַר פסח (אָן דירעקטע שמירה) דאַרף מען אַוועקוואַרפן פאַר יום טוב. (ואגב, לעורר שאיסור גמור ליקח צייטונגען עם דברי תורה בבית הכסא, וכן אידישע ליכט וכיוצא).

כח) אפילו אַ סינק וועלכע מען האָט נישט בדעה צו נוצן אויף הייס, אָדער אינגאַנצן נישט, דאַרף מען עס פסח׳דיג מאַכן אויב מען עסט אין דער דירה, און מען קען זיך פאַרגעסן און נוצן אויף הייס (כדין קדירות בפסח שצריך להצניע, שלא יבא לבשל ותצא הבלוע, אבל בסוגר מלמטה מקור מים החמין וטירחא גדולה לפתוח, ועד שיפתחנו יזכור שאסור בשימוש, עי׳ גר״ז תנ״א ס״ב וס״ד. וכאן עדיף דלא שייך שיבשל בסינק, אלא יתן כלים בתוכו וע״י הדחה בחמין יפליט מהסינק, וזה רחוק ובפרט שמכסין הסינק. ובענין חשש שישתמשו בקאונטע״ר טא״פ, יש לכתוב שם שלא ישתמשו ואז יש להקל כשמכוסה דגם אם ישתמשו בטעות, לא יבא לאיסור, כיון שאין בליעה יוצא מכלי לכלי בלי רוטב). דעריבער - אויב מען וויל שפּאָרן דאָס כשר׳ן דעם סינק, זאָל מען אַראָפּשרויפן דעם הייסן קראַן, אָדער מען זאָל כאָטש אָפּדרייען אונטער דאָס הייסע וואַסער, און מען זאָל גוט איבערדעקן מיט בלעך אָדער זילבער פאַפּיר דעם גאַנצן סינק און אויך די קאַונטערס אַרום.

כט) אויב מען נוצט נישט דעם סינק, זאָל מען איבערדעקן דאָס גאַנצע, אויך דעם סינק שיסל, און מען זאָל אויפשרייבן אַ צעטל.

ל) אגב, יש לעורר בענין פירות וירקות גם לכל השנה. ג׳ סוגים יש בה:

1) של אמעריקע, דלע״ע הן משוחים רק בקטניות.

2) של שאר מדינות, עלולין להיות נמשחין בשמן בע״ח, כמו פראנקרייך.

3) של ארץ-ישראל, כמעט ברור שטבל הן לתרו״מ.

ועי״כ אין לקנות מסתם פירות של חנות עכו״ם, ומישראל יברר אם נזהר.

ובחנות גדול החוק שיהי׳ נכתב שם המדינה אצל הפירות לדעת מקור מוצאו.

לב) נוצען פלעסטיק געשיר גלעזלעך און עסצייג וועלכע מ'וואַרפט נאָכדעם אַוועק האָט מערערע מעלות: א) זיכער נאָכנישט גענוצט ביז יעצט. ב) מ'קען נאָכקומען דעם הידור נישט ניצען אַ כלי וואָס איז אַראָפגעפאַלען פסח. ג) עס איז נישט פאַרבראָקט געוואָרן דורך די קינדער. ד) עס איז נישט דאָ דערויף קיין וואַסער שיריים פון נאָכן אָפּשווענקען. ה) מ'האָט נישט אָפּגעוואַשען העכער דעם קיין שמוציגע הענט אָדער געשיר. ו) נאָכן עסען דאַרף מען עס נישט אויסוואַשען וועלכעס ברענגט דעם פּראָבלעם פון געבראָקס.